STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03258

MINUTN

V. Epel

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מינוטן

פון

וו. עפעל

געשטאָרבען 24־טען נאָוועמבער, 1928,

36 יאָר אַלט.

ארויסגעגעבן פון
פאַמיליע און נאָענטע פריינט
ניו־יאָרק — 1930.

Myold Printing Co., Inc.
161 Grand St., N. Y. City.

וו. עפּעל

געקומען איז, וועלוועל עפּעל, אין אַמעריקע נאָך גאָר אַ אינגל. ער איז געקומען פון דער קליינער שטעטל אָשמינע, ווילנער גובערניע.

זיין טאַטע־מאַמע האָבן דאָרט שווער געאַרבייט אין זייער קליינער בעקעריי צו דערציען זייער גאַנץ גרויסע פאַמיליע פון נ י י ן ק י נ ד ע ר. ווי שווער דאָס איז זיי נישט אָנגעקומען, האָט יעדעס קינד געקראָגן אַ אידישע און וועלטלאַכע דערציאונג אַ סך מער ווי די כוחות האָבן די עלטערן דערלויבט.

אָט די דאָזיגע איבערמענשליכע איבערגעגעבנקייט האָט ער זיך, — נאָך אַ קליין קינד, — אויסגעלערנט פון זיינע פאַרהאָרעוועטע און אָרענטליכע עלטערן. אָט די זאָרג פאַר יענעם איז די איינציגע מתנה, וואָס די עלטערן האָבן דאַמאָלסט געקענט מיטגעבן אויף דעם יונגען קינדס לאַנגען וועג. אָבער ער האָט די דאָזיגע באַשיידענע מתנה געטראָגן ווי אַ הייליקע קמעה, און וואָס האָט אָפּט אַראָפּגעבויגן ווי אַ שווערער פּאַק זיין קינדערש־יונגן און שלאַנקן קערפּער.

ער מוז העלפן שלעפּן דעם יאָך פון זיינע האָרעפּאַשנע עלטערן. ער מוז צונעמען זייער זאָרג פאַר די קלענערע קינדער. ער מוז זיי אליין אויך לייכטער מאַכן די אַרבייט אויף דער עלטער.

ער איז גלייך אוועק אין פאַבריק. געאַרבעט שווער און געדולדיק. אין דער היים אַלץ געשריבן באַרואיגענדע בריף און טאַקע געשיקט באַלדיקע שטיצע. ס׳איז געווען מיט צוואנצי־יאָר צוריק. מענשן זענען דאַן שנעל רייך געוואָרן. ער איז געווען זייער פּעאיק און איבערגעגעבן זיין אַרבייט. זיינע באַלעבאַטים, וואָס זענען פאַר זיינע אויגן געוואָרן מיליאָנערן, האָבן אים געמאַכט פאַר זייער באַגלויבטן און פירער.

כאָטש ער האָט אַליין געזען ווי רייכקייט ווערט געשאַפן; — ער אַליין האָט מיט זיין פעאיקייט געהאָלפן דערצו — האָט ער דאָך אַליין צו דער רייכקייט זיך נישט געוואָלט פאַרקויפן. ער האָט נישט געוואָלט זיין פעאיקייט אויסנוצן פאַר זיך אַליין. ער איז געווען צו אָרנטליך, צו אידעאַליסטיש, צו דערמוטיקן דאַמאָלסט זיין אַמביציע אַליין רייך צו ווערן. ער האָט בלויז אויסגענוצט זיין גוט־באַצאָלטע שטעלע צו שטיצן וואָס מער זיין טאַטע־מאַמע, זיינע ברידער און שוועסטער און גלאַט נאָ־ענטע פריינט.

ער איז אַזוי פיל געווען פאַרטאָן אין דער זאָרג פון העלפן — און דאָ איז געקומען די מלחמה־צייט — אַז ער האָט זיך אַליין נישט געזען. געאַרבייט וואָס מער אַז ער זאָל וואָס מער קענען העלפן די פאַרצווייפלטע אין דער היים. ער האָט געפירט גרויסע געשעפטן פאַר יענעם, געווען צוזאַמען טעגליך מיט טויזנטער אַרבייטער און געשעפטסלייט. ער האָט אַרום צוואַנ־ציק יאָר זיך געפונען ערגיץ אין אַ מינען־שטעטל אין פענסיל־ווייניע סטייט, אָבער געבליבן איז ער דער איינזאַמער אַשמינער נאַאיווער אינגל אין פערזענליכן לעבן.

דאָס ביסל אידישע דערציאונג נאָך פון דער היים איז אים שטענדיק נאָכגעגאַנגען ווי אַ גוטער מלאך אין זיין איינזאַמקייט צווישן דעם אויך פרעמדן אַמעריקאַנער לעבן. צווישן די גוטע אַמעריקאַנער און וועלטליכע שרייבער האָבן דעם שענסטן אָרט ביי אים פאַרנומען די אידישע ביכער און זשורנאַלן. ביזן לעצטן טאָג געקויפט יעדן אידישן בוך און זיך אינטערעסירט מיט די נייסטע שטרעמונגען אין דער אידישער ליטעראַטור. עפעס, ווי דאָס וואָלט אויך אריינגעוואַקסן געוואָרן אין דער מיסיע פון דער פאַמיליע־זאָרג, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון דער היים.

די האַרציקע לידער זיינע, וואָס ער האָט געזונגען בלויז פאַר זיך, (דוד פינסקי האָט אַמאָל צופעליק געדרוקט זיינע צוויי לידער אין „אַרבייטער") ווייזן ווי אַזוי ער האָט מוטער־ליך ליב געהאַט די אידישע ליטעראַטור. ער האָט אָפט, אַליין נישט ווויסנדיק נאָכגעזאָגט רירנדיקע פערזן צוזאַמען מיט מאָ־רים ראָזענפעלד, אברהם רייזין און אסך יונגע דיכטער. אָבער

דער באַשיידענער לעבן זיינער האָט אים געגעבן אַן אייגענעם, אַ האַרציקן טאָן וואָס רירט מיט דער איינפאַכקייט. ס׳איז נישט ליטעראַטור. נישט ער האָט געוואָלט און נישט ער האָט עס קול־טיווירט. ער האָט געלאָזט אין דער שטיל זיך אַליין אַרויסריידן. ער האָט געוואָלט הערן אין פרעמדן רויש זיין אייגענעם קול... דעריבער איז זיין קול אויך אונז ליב צו הערן.

צו 36 יאָר האָט ער זיין הויפּט מיסיע דערפילט. ער האָט די מערסטע פון זיין פאַמיליע שוין געהאַט איינגעאָרדנט. זיין מי איז באַצאָלט געוואָרן פאַר זיין לעבן. אָבער ער אַליין, ער האָט פון זיין אייגענעם לעבן קיין שאָטן נישט געזען.

ער אַליין איז פאַרבליבן ווי אַ שלאַנקע זאַנג אין איבערגע־בליבענע אויף אַן אָפּגעשניטן פעלד... אַ צופאַל האָט אים באַ־געגענט מיט אַן ענליכן פריינט ווי ער. פון דאַן אָן האָט ער אין זיין ליד גערעדט צו איר, צו זיין נייעם פריינט. און ער האָט זיך עפּעס געפילט אָבהענדיק און צעשראָקן:

זע איך דיר אַ טאָג ניט,
לייד און בענק איך פיל,
מאָרגן וועל איך זען דיר,
טרייסט מיך אַ געפיל.

זע איך דיר, פאַרדריסט מיר,
ס׳טוט מיר מאָדנע באַנג;
ב׳זע דאָס לעצטע מאָל דיר,
פּלאָגט מיך אַ געדאַנק.

און אַ האַרץ, — אַנ׳אמת מענטשליך האַרץ נאַרט קיינמאָל נישט, ווי שווידערליך דער אמת זאָל נישט זיין. זיין שרעק איז נישט געווען אומזיסט. דעם 24־טן נאָוועמבער איז ער נאָך אַ פּלוצ־לונגער פאַרצערענדער קראַנקהייט אויסגעגאַנגען אַ בלייכער מיט זיין לעצטן קינדער־שמייכל אויף זיין יונגען, שיינעם פּנים. ער האָט זי טאַקע מער ניט געזען!

א רעגענדיקער טאָג איז גראד אויסגעפאַלן צו זיין לויה. א בייסיקער רעגן האָט זיך איינגעגעסן אין די פּאַראָמערטע לייבער פון זיין פאמיליע און פריינט און זיי נאָך געמאַכט מער פארצווייפלט אין זייער טרויער. פארנומען אין זייער גרויסן צער האָבן זיי מעבאַניש נאָכגעטאָן די אלע אידישע ריטואַלן, וואָס דער שמש און רב הייסן טאָן יעדן איינעם ביים אריינלעגן דעם ארון אין קבר.

גראד אויף זיין מזל האָט דער רב וואָס האָט געמאַכט דעם הספד געהאַט אן אָבגעפרעסענעם און קאַלטן פּנים. האָט געפּרעפּלט געקינסטלט — דאָ אויף העברייאיש, דאָ אויף ענגליש — מיסיאָנעריש קאַלטע ווערטער . געלויבט דעם טויטן נישט קענענדיק אים, און גערעדט וועגן מעלות וואָס דער אָדער אנדער ראַבאַי זאָגט אויף יעדענס קבר פאר געצאָלט...

אָבער דעם ריכטיקן אמת וועגן דעם טייערן טויטן האָבן נור געוואוסט זיין אייגענע פאמיליע און די גאָר נאָענטע פריינט. זיי האָבן איבער אים יאָ געקענט א סך דערציילן. זענען אָבער זייערע הערצער געווען צופיל צעווייטאָגט און פארשטיינערט. ווי איינפאַך, ווי גוט וואָלט געווען ווען מיר זאָגט דאן אלע — פארזאמעלטע אויף זיין קבר — דעם טויטנס אייגענע אמת'ע ווערטער איבער זיך, וואָס זענען אונז געבליבן ווי א טייערע ירושה :

פיש זענען שטום,
מענשן קאָנען ריידן;
שטום ווי א פּיש
טראָג איך מיינע ליידן.

די דאָזיגע ווערטער דארפן נאָך איצטער אויסגעקריצט ווערן אויף זיין שטיינערנער מצבה אָנשטאָט דעם שאַבלאָנעם נוסח, וואָס מען שרייבט אויף יעדענס מצבה, וואָס דערציילט גאָרנישט פון געשטאָרבענעמס לעבן און ליידן...

ב. לאַפּין.

זאָג מיר...

זאָג מיר: וועלכען כשוף, אָדער וועלכע שוואַרצע נאַכט
דיינע אויגן האָבן איינגעשלונגן,
און די פינסטערניש געפאַנגן קוקט דורך זיי אַרוים?

זאָג מיר: וואו, אין וועלכן אָרט אַליין ביזטו געווען
וואָס דו האָסט אויף אייביג זיך דערשראָקן,
און דו קוקסט אויף אַלץ צוטומעלט שווייגענדיגערהייד?

זאָג מיר: וועלכע זינד דו האָסט באַגאַנגען וואָס דו האָסט
אויף די פעלדער ווייט דיין בליק פאַרטריבן,
און ער וואגלט דאָרט אַ פרעמדער טרויעריג אַרום?

זאָג מיר: וועלכע אַלטע חורבה האָסטו לאַנג און שטיל באַטראַכט
וואָס אויך דו האָסט טיף זיך איינגעבויגן
און אַלץ עלטער, שווערער ווערן דיינע טריט?

קאַלט

1.

קאַלט און פינסטער איז מיין לעבן,
כ'זע אין אים קיין ליכטיגן שטראַל;
כ'גיי אַלץ טאַפּנדיג אַרומעט,
רק מיר דאַכט זיך אַז איך פאַל...

און אַ גרויער הייגט דער הימל
שווער, און טרויעריג אַראָפּ;
און מיר דאַכט זיך יעדע רגע
אָט, ער פאַלט דיר אויפ'ן קאָפּ...

טוט אַ שיין מיר אין דער פינסטער,
ווערט מיר טרויעריג נאָך מער;
כ'זע אַרום זיך טיפע גריבער
וואו איך טו זיך נאָך אַ קער.

2

איך בין עלענד, איך בין איינזאַם,
אָפּגעזונדערט פון דער וועלט,
ווי אין פעלד אַן איינזאַם בוימעל,
ווי דעם פּאַסטוכ׳ס וואַלד געצעלט.

און מיין עלענד רוף איך נעמען
וועלכע זיינען טייער מיר;
נאָר עס הערט מיין רופען קיינער,
קיינער עפענט ניט מיין טיר...

איך פאַרגיי דאָ אין דער פינצטער,
אין מיין עלענד קום איך אום,
ווי ס׳פאַרצאַנקט אַ חלב ליכטל,
ווי ס׳פאַרוועלקט אין קעלט אַ בלום.

אין מיטן וועלט

דו שטייסט אין מיטן וועלט און פלאַקערסט,
מיט פונקן פילסטו אָן דעם רוים ;
ביז אין די הימלען גרייכט דיין פייער
און ביז אין טיפן, ווייטן תהום...

און פאַלט אַרויף אַ פונק אויף איינעם,
צו דיר דער יעניגער געהערט ;
זיין קערפּער לאַנגזאַם וועט שוין ברענען,
ביז ער אין גאַנצן ווערט פאַרצערט.

אויף מיר איז אויך אַ פונק געפאַלן,
איצט שלעפּ איך אום זיך קראַנק און בלאַס ;
כאַטש וואַרף אַריין זיך אין דיין פייער,
דו זאָלסט פאַרברענען מיך אויף אַש !

שרעק

דו שרעקסט זיך, קינד.
די נאַכט איז שוואַרץ.
עס פּייפט דער ווינט.
עס קלאַפּט דיין האַרץ...

עס וויינט אַ קינד.
עס בילט אַ הונט.
עס שרעקט דיר ווילד
די נאַכט אַצונד.

די נאַכט — זי דריקט
דיין קינדיש ברוסט.
דאָרט ווען שטיקט
אַ פּוסטער הוסט.

די נאַכט איז שווער,
די נאַכט איז בלינד.
מען קלאָגט, אַט הער,
מען שטיקט אַ קינד...

דיר דאכט זיך ווער
אין פענצטער קוקט.
די וואנט אהער
צו דיר זיך רוקט...

דיר דאכט זיך ווער
דורך קוימן קריכט.
עס פאַלט א טרער,
אף דיין געזיכט...

— — — — — — — — —

ניט שרעק זיך, קינד,
דיין האַרץ איז ריין.
דו ביזט אָן זינד —
ניט וויין, ניט וויין.

אומעט

ס'האָט אַן אומעט מיר געפאַנגען,
און ער פירט מיר נעבכט און טעג.
אַטאָ ברענגט ער מיך אין ערגעץ,
אַטאָ — פירט ער מיך אַוועק.

כ'בין פון אומגיין איינגעמאַטערט,
ס'וואַקלען זיך שוין מיינע טריט,
נאָר דער אומעט פירט און פירט מיר,
און ער גיט קיין רו מיר ניט.

וואו איך גיי איז שטיל און פינצטער,
ס'אָטעמט קוים די שטילע נאַכט.
ס'שלאָפט אַצינד די וועלט די גאַנצע,
מיד די אויגן צוגעמאַכט.

איך אַליין נאָר שלעפּ ארום זיך,
כ'שטער דער נאַכט איר שטילן טרוים;
ס'וועקט מיין גאַנג פון שלאָף די גראָזן,
כ'שרעק די פויגלעך אויפ'ן בוים.

וואָלקענס יאָגן זיך און יאָגן,
ווי אַ שטורם ברעכט באַלד אויס.
דאָך דער אומעט ער פאַרפירט מיר
ווייטער, ווייטער פון מיין הויז...

ערגעץ

ערגעץ ציט מיר, כ'ווייס ניט וואו,
עפּעס שרעקט מיר, כ'ווייס ניט וואָס;
כ'גיי אין פעלד און כ'הער זיך צו
צו דעם מאָדנעם רויש פון גראָז.

שטיל די נאכט און טיף און שווארץ,
כ'גיי אין פעלד ארום אליין.
ס'קלאפּט מיין הארץ, און ס'רייסט מיין הארץ
כ'הער וואו דאכט זיך א געוויין.

מיין נשמה ז'פול מיט שרעק,
כ'פיל ס'וועט עפּעס היינט דאָ זיין.
כ'וויל פון דאנען גלייך אוועק,
נאָר עס האלט מיך עמיץ איין.

ס'ווינקט א פייערל פון ווייט,
ציט און מאניעט מיך צו אים;
ס'גייט ווער ערגיץ ביי מיין זייט
און מיר רופט א פרעמדע שטים.

כ'ריים פון כשוף זיך ארוים,
כ'שטעל זיך אָפּ אין מיטן וועג ;
נאָר עס שטופּט מיר ווער פאַראוים
און טראָגט ווידער מיר אַוועק. .

פאַרנאַכט

עס איז א מעלאַנכאָלישער פאַרנאַכט.
עס האָבן זיך די וואָלקנדלאַך פאַרטראַכט,
זיי האָבן זיך נאָך עפּעס שטאַרק פאַרביינקט,
און האָבן זיך ווי קינדערלאַך צעוויינט...

עס פאַלן קליינע טרערנדלאַך אַרונטער,
עס ווערט אַלץ פול מיט יאוש'דיקן שיין.
איך שטעל די טרערנדלאַך מיין האַרצן אונטער,
זיי פאַלן דאָרטן שטיל און טרויעריג אַריין.

ער

ער — אַ הויכער און אַ שלאַנקער,
זי — אַ קליינע און אַ דאַרע ;
אירע שוואַרצע פייער אויגן —
זיינע — טיף פאַרקלערט און סאַרע.

זי — דעם קאָפּ צו אים פאַרריסן,
גלעט זיין פּנים מיט די אויגן.
ער — אין ווייטקייט קוקט אָן אויפהער
ווי דאָרט וואָלט אים ווער געצויגן.

טוט ער ווען אָן ציל אַ שמייכל,
מיינט זי אַז נאָר זי באַגערט ער ;
דריקט זי ליבליך אים צום הארצן ;
ער קוקט ווייט־ווייט אַ פאַרקלערטער.

ווען...

ווען דו זאָלסט צו מיר איצט קומען,
וואָלט איך דיר שוין מער ניט ליבן.
ס'איז אצינד דיין אָרט פאַרנומען:
ס'האָט א פּיין זיך דאָרט פאַרקליבן.

דאָך דער פּיין איז ליב מיר, טייער
ווייל נאָך דיר איז ער געבליבן.
קום ניט אויסלעשן דיין פייער —
ניין, איך קען דיך מער ניט ליבן!...

וועגן דיר

האָסט באַזעצט זיך אין מיין זינען ;
ווילסט פון דאָרטן ניט אַוועק.
כ'נעם באַגינען פון דיר קלערן ;
כ'קלער פון דיר אַפּ גאַנצע טעג.

אויך ביינאַכט אויף מיין געלעגער ;
שטונדען לאַנג פון דיר איך טראַכט.
שלאָף איך איינעט, חלומ'ט זיך מיר
וועגן דיר די גאַנצע נאַכט...

עפּעס

כ׳וואָלט דיר עפּעס וועלן זאָגן,
נאָר עס לאָזט מיר ווער ניט ריידן.
כ׳וואָלט פֿון דיר אַוועקגעגאַנגען,
קאָן איך זיך מיט דיר ניט שיידן.

כ׳זיץ דעם אָוונט אָפּ אַ שטומער,
כ׳נעם פֿון דיר ניט אָפּ די אויגן;
כ׳וואָלט געפֿאַלן צו די פֿיס דיר,
לאָזט מיך עפּעס זיך ניט בויגן...

פעלד

.1

אויפ'ן פרייען ברייטן פעלד,
ווייט פון הייזער און פון מענטשן;
שטייט אַ שטיבל ביי אַ טייך,
וואוינט אין איר אַ שיינע מיידל.

קען די שטיבל ניט די שטאָט,
ווייס די מיידל ניט די מענטשן,
קענען זיי דערפאַר די זון,
פריינדען זיי זיך מיט די שטערען.

ווער די שטיבל האָט געבויט? —
דאָס ווייס קיינער, דאָס ווייס קיינער,
און די מיידל ווער זי איז?
ווייס מען אויך ניט, ווייס מען אויך ניט.

.2

אין אַ זומער טאָג אַ הייסן
זייגען וואַנדערער פאַרשמאַכטע,
צו דעם טייבל צוגעקומען,
מיט דעם וואַסער זיך צו קילן.

און זיי זייגען ווי פאַרגליווערט
שטיין אין ווילדן שרעק געבליבן.
וואָס זיי האָבן דאָרט דערזען,
טוען זיי מיט שרעק דערציילן. :

ווייס ווי שניי אַ יונגע מיידל,
גאָלדענע האָר און בלויע אויגן,
אויסגעטאָקטע ווייכע גלידער,
ווי געשאַפן פון אַ קינסטלער.

איינגעהילט אין זונען שטראַלן.
מיט די הענט האָט זי געבעטן
פון דער זון אַלץ מערער שטראַלן
איר צו שענקן, איר צו שענקן.

און די זון האָט איר געוואָרפן
בונטען שטראַלען, בונטען שטראַלען,
מיט א שיינענדיגען פּנים,
מיט אַ שמייכל, מיט א ליבן.

שטיין דאָס טייכל איז געבליבן,
ס'וויל דאָס וואַסער ניט אַוועקגיין,
ווי דערפרוירן שטייט און קוקט ער,
אויף איר ווילדן, שיינעם טאַנצן.

און די הייזל, ווי פאַרכשופ'ט,
פון דער מיידל'ס ווילדן טאַנצן,
האָט צום טאַקט זיי אויך געבויגן,
זיך געדרייט אין אַלע זייטן.

שוואַרץ

שוואַרץ די ערד, און גרוי דער הימל
ס'שלעפּן וואָלקענס פויל זיך אום.
ס'גיסט אַ דראָבנער קאַלטער רעגן,
און ער טויט אָפּ גראָז און בלום.

ס'פליט אַרום אַ ווינט אַ בייזער,
טראָגט זיך ראַש פון בוים צו בוים;
רייסט מיט כעס אָפּ די בלעטער
די וואָס האַלטן זיך נאָך קוים.

טוליעט זיך אָן עלענד פייגל,
צו אַ בוימעל הויל, און האָר;
ס'זוכט פון ווינט זיך דאָרט צו שיצן,
קוקט אין לופטן מיד און שטאַר.

ס'גייט אַרום פאַרטראַכט אַ מיידל,
קוקט פאַרגלייווערט ווייט אין רוים;
אירע בליקן בלייבן הייננען
אויף אַ פאַרקאַן, אויף אַ בוים.

הערבסט

ס'גיסט אַ דראַבנער קאַלטער רעגן,
טויטע בלעטער טראָגט אום דער ווינט;
ס'קלינגען אומעטיג די גלעקער,
ס'בילען יאָמערדיג די הינט.

אַ טאָג

זע איך דיר אַ טאָג ניט
לייד און בייַנק איך פיל,
מאָרגען וועל איך זען דיר,
טרייסט מיר אַ געפיל.

זע איך דיר, פאַרדריסט מיר,
ס'טוט מיר מאָרגנע באַנג;
כ'זע דאָס לעצטע מאָל דיר
פּלאָגט מיר אַ געדאַנק.

קלאָפּ נישט מער . . .

קלאָפּ ניט מער אין מיין טיר,
קום ניט מער ארויף צו מיר ;
ס'וועט ביי מיר דיר אומ'טיג זיין,
כ'שרעק אליין זיך פאר מיין שיין.

נישט צום היילן איז מיין וואונד.
דערווייטער זיך פון מיר אצינד.
ווי א קנייטל פול מיט נאפט,
בין איך מיט טרויער אָנגעזאפּט.

וויכן זאָלסטו פון מיין הויז,
עלענד ווייט פון דאָרט ארויס ;
ס'וועלען שאָטענס דיק אין שווארץ,
ווילד באפאלען דיין יונג הארץ.

אויך אין גאס — אין מיין געביין —
זאָלסטו קיין מאָל דאָרטן גיין ;
היט זיך אוים פון געפאר,
ס'זאָל ניט פאנגען דיר מיין צער.

צו אַ קליינע מיידעל

זאָג מיר קליין אָרים מיידל
וואָס האָט פייכטגעמאַכט דיין בליק?
וואָס פאַרפינסטערט האָט דיין פנים?
פאַרוואָס ווייסטו ניט פון גליק?

זע ווי אַלע קליינע מיידלאַך
פליען, שפּרינגען פריילאַך אום;
דו, נאָר איינע אין אַ ווינקל
שטייסט פאַריאָמערט, בלייך און שטום?

זאָג, וואָס שטייסטו אַזוי עלענד?
ס'נעמט מיין הארצן דורך אַ גרוויל;
און דיין קליידל איז צעריסן,
און די פיסלאַך נאַקעט, הוויל.

איז דיין מאַמע שוין געשטאָרבן?
קינדער, זייט איר אויפ'ן ווינד;
דו, די עלטערע פון אַלע
ביסט אַ מאַמע זיי אַצינד?

ליגט אַ קראַנקער אויך דיין טאַטע ?
אויף זיין פּנים שוועבט דער טויט ;
און די קינדערלאַך פאַרהונגערט,
וויינען, קלאָגן, בעטן ברויט ?

און דו קענסט זיי גאָר ניט געבן,
קענסט ניט העלפן זיי אין נויט ?
ליגט דער הונגער פון די קליינע
אויף דיין פּנים אויסגעשפּרייט.

און דו ביזט פון הויז אַנטלאָפן,
קענסט ניט הערן דעם געוויין ;
און דו שטייסט דאָס איצט פאַרצווייפלט
און דו ווייסט ניט וואו צו גיין ?...

איך ליב נישט...

איך ליב נישט דעם טאָג ווען די זון פריילאך ברענט.
און אַלץ איז אין בלענענדע שטראַלן פאַרהילט
נאָר דאַן, ווען די זון איז אין וואָלקענס פאַרשטעלט,
איר בלייבליבע ליכט פון דער ווייטן זיך שפּילט.

איך ליב נישט דעם ים ווען ער שטורעמט און ברויזט,
און ס'טראָגן זיך כוואַליעס מיט ווילדקייט און מאַכט;
איך ליב אים נור דאַן ווען באַרואיגט ער איז,
און גרין בלויע וועלן, זיך יאָגן פאַרטראַכט.

איך ליב ניט מיין לעבן ווען ס'איז מיר צו גוט,
און אַלץ וואָס איך טוט, בין איך תמיד באַגליקט;
איך ליב אים נור דאַן, ווען איך פיל זיך ענטוישט,
און טיף אין מיין האַרצן אַן אומעט זיך וויגט.

פ י ש

פיש זיינען שטום,
מענטשן קאָנען ריידן ;
שטום ווי אַ פיש
טראָג איך מיינע ליידן.